גליון ג' פרשת תולדות תשפ"ג לפ"ק

# צום פינטל

[בהוצאת "מכון מישרים"]
(משיעורי הרב שלום לאנגסאם)
קו פרטי בקול הלשון 1646-655-0559)

## על הפרשה

### די טיפקייט פונעם 'צחוק'

**יצחק אבינו'ס כח התפילה**

יצחק אבינו האט מיט זיין כח התפילה געדרייט וועלטן, ווי די מדרש רבה זאגט אז 'ויעתר' איש מלשון 'עתר', אזויווי איפן פעלד דרייט מען די תבואה מיט א גאפל (שנקרא 'עתר' בלשוה"ק), אזוי האט יצחק אבינו מרבה ומפציר געווען בתפילה, און געדרייט וועלטן למעלה. זיין מזל פון נישט האבן קינדער, איז איבערגעדרייט געווארן יא צוגעהאלפן געווארן מיט קינדער, ווי עס שטייט "ויעתר לו ה'", ער האט געפילט באמת אז ער האט געפוילט (איתא בספרים שהיפך המזלות 'נוצר חסד' ו'נקה'. וגם הפך אותיות 'עקר', ל'עיקר' ושורש לתולדות).

יצחק אבינו'ס ישועה איז געווען אנדערש ווי ביי זיין טאטן אברהם, אברהם האט זוכה געווען צו א נס למעלה מדרך הטבע האבנדיג קינדער ביי די הונדערט, אבער יצחק אבינו האט דאס געמאכט מיט זיין מורא'דיגע כח התפילה, וואס תפילה האט די כח צו מהפך זיין דין לרחמים **בדרך הטבע**, און נישט בדרך נס.

**'צחוק' דווקא פון ביטערקייט**

יצחק אבינו האט די כח הצחוק והשחוק - נעמען שווערע מצבים אין עס איבערדרייען צום גוטן. גלייך ביים געבוירן איז געווען די צחוק פון אברהם ושרה, און אויך פון אלע שומעים, ווי עס שטייט 'צחוק עשה לי אלקים כל השומע יצחק לי'. אויך ישמעאל האט זיך קעגען געשטעלט יצחק, דורך צחוק, ווי עס שטייט 'ישמעאל מצחק את יצחק' (וגם בפרשתינו כתוב 'הנה יצחק מצחק').

די וועלט זאגט, אז א גוט ווערטל קומט ארויס דוקא פון א פארביטערטקייט, ווי למשל די גאליציאנער שארפקייט און ווערטלעך, וואס דוקא די שווערע מצבים פון הונגער האט דאס ארויסגעברענגט (ויש לעורר גם מכח החריפות שיש בארץ ישראל).

די מידה פון יצחק אבינו איז 'גבורה', דוקא פון גבורות - שווערע מצבים פון גלות, הונגער און פיין, קומט ארויס די השפעות פון צחוק און שחוק. ווייל די מורא'דיגע טיפע כוחות אין א מענטש פון צחוק או שחוק, די טיפע תענוגים פונעם נפש, קומען נישט ארויס נאר דורך שווערע אין ביטערע מצבים. אזויווי מען קען זען די אינטערסאנטע טיפ פון א גאליציאנער-פוליש'ער אידל, מיט זיינע טיפע און געשמאקע ווערטער, וואס דוקא די ביטערקייט האט דאס מוליד געווען (בזוהר הק' ח"א קג מקשר יצחק לשירת הלוויים, דלוויים הם גבורות, ולהם כח השמחה בנגינה, וכמו כן יצחק הוא חדווה, בהחליפו אש למים ומים לאש. ולהעיר דגם במלחמות ראו שהיו ממתיקים הרבה בכח הווערטלעך).

עס שטייט אין ספרים הקדושים (ע' מגן אברהם פר' בשלח) אז יצחק אבינו האט ממשיך געווען א שפע פון בנים, נישט נאר פאר זיך, נאר אויך פאר אידן אין

אלע דורות. און מיט דעם האט ער אויך ממשיך געווען די כללות הכח פון צחוק ושחוק, דער כח פון אידישע קינדער אין אלע דורות זיך צו דערהאלטן אין שווערע מצבים פון גלות, דער כח פון דעם גלות יוד מיט זיין גלייך-ווערטל, - דאס איז אלעס פון די השפעות פון יצחק אבינו.

**'צחוק' נאכן 'היפוך'**

צחוק ושחוק נעמט זיך פון דעם כח ההיפוך, אזוי ווי מען זעט אז די שמחה פון פורים איז געקומען נאכן 'ונהפוך הוא'. און ווי די גמרא פארציילט אין סוף מלקות, אז רבי עקיבא האט געלאכט זעענדיג די פוקסן זיך דרייען אויפן מקום המקדש, און דער שחוק איז ארויס געקומען דווקא פון טיפן ביטערקייט פונעם גלות, ווען די חברים פון רבי עקיבא האבן געוויינט, און אז רבי עקיבא האט דאס איבערגעדרייט צום גוטן מיטן כח ההיפוך, האט דאס מעורר געווען צו צחוק.

די גמרא פארציילט (תענית כב.) די גרויסקייט פון די צוויי בדחנים אז זיי זענען בני עולם הבא, ווייל מיט די כח הבדחנות, קען מען איבערדרייען די צרות יגון ואנחה אויף אידישע שמחה, און מיט דעם כח הצחוק לאכט מען אביסל אפ פון די נאאיווקייט פון די וועלט און אירע מאדעס, און ווי באלד אז דורך דעם הייבט מען זיך אויף צו עולם הבא, מיטן אוועקמאכן די מעכטיגקייט פונעם עולם הזה, אויב אזוי, קומט זיך זיי טאקע עולם הבא.

**מיר האלטן זיך אין גלות דורכן 'צחוק'**

א אינטערסאנטע נקודה ברענגט רבי שמשון רפאל הירש זצ"ל (בראשית יז יז) אז 'צחק' מיט 'צעק' (אדער 'זעק') האבן אן ענליכע קלאנג, ווייל ביידע קומען אין א מצב וואס די נפש איז געכאפט אין א טיפן שאק, צומאל וועט צוליב דעם ארויס קומען א געוויין, און אמאל וועט ארויס קומען א געלעכטער, ווי מ'זעט בחוש אז א מענטש לאכט אמאל ווען מען דארף וויינען, און וויינט ווען מען דארף לאכן. (און נאך מער זאגט ער, אז יעדע לאכן פון אינדרויסן איז פון אינעווייניג וויינען, א ביטערע לאכעדיגע מצב... עי"ש).

מיט דעם איז ער מסביר, אז דער אייבערשטער האט געוואלט אז דאס אידישע פאלק זאל פון אנפאנג זיין אויסגעשטעלט צו ווערן אפגעלאכט און אומפארשטענדליך, כדי די וועלט זאל זען אז ס'איז דא איינער וואס פירט אלעס העכער פון יעדן 'חשבון', דערפאר איז יצחק אבינו געבוירן געווארן אין אן אינטערעסאנטע מאדנע מצב פון צחוק און שחוק, ווען אברהם און שרה זענען שוין געווען אזוי אלט. דעריבער דער הילכיגער געלעכטער וואס דער איד האט דורכאויס די היסטאריע געהערט, באריר‍ט אים בכלל נישט, ער ווייסט אז דאס איז געווען דער רצון פונעם באשעפער, אז דאס אידישע עקזיסטענץ זאל זיין אויף אן אבנארמאלן וועג וואס ברענגט צו שחוק און צחוק.

בקרוב וועט מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן וועט טאקע זיין 'אז ימלא שחוק פינו', אויף דעם לאנגן גלות.

## לומדים את ר' חיים

**סיום הש"ס אין די קינדער יארן**

*נאך זייענדיג אין זיין פריע יוגנט, האט רבי חיים באקומען אן 'הוראה' פון זיין פעטער דער הייליגער* ***חזון איש*** *זי"ע, אז ער דארף ערשט אדורכגיין גאנץ ש"ס פאר זיין בר מצוה, און נאר נאכדעם זאל ער אנהייבן 'לערנען'...*

*זיין טאטע* ***דער סטייפעלער גאון****, האט טאקע אזוי געטון מיט זיין איינציגן זון, און אדורכגעלערנט צוזאמען מיט זיין יונגן ר' חיים, דער גאנצער ש"ס*

*פון דעקל צו דעקל, אנגעהויבן אין ברכות דף ב' עמוד א' מיטן 'מאימתי' און געענדיגט ביים ענדע פון דף ע"ד אין פרק 'תינוקת'.*

*און דאס איז געווען דער הוראה לדורות וואס רבי חיים פלעגט אלץ בּאראטן פאר זיינע שואלים און ארומיגע, אז ס'איז זייער וויכטיג אז יעדער קינד זאל לערנען דעם גאנצן ש"ס בעפאר זיין בר מצוה. רבי חיים פלעגט זיך דערביי אויסדריקן: "אפילו ער פארשטייט נישט אלעס, איז דאס נאכאלץ כדאי, אז ווען דאס קינד וועט עלטער ווערן און זיך זעצן צו די גמרא, זאל דאס שוין זיין צום 'צווייטן' מאל...".*

## | לקח טוב |

**דאס ערשטע מאל**

דאס ערשטע מאל אין יעדע זאך, איז נישט פאר זיך זעלבסט, דאס ערשטע מאל איז פשוט אדורכצוברעכן און אריינצוקומען אינעווייניג. די טבע פונעם מענטש איז, אז פון א נייע זאך האט מען מורא, מען האלט זיך ווייט און אפגעשיידט, עס קען זיין אז דאס איז נאר א דמיון, אבער דאס איז די מציאות, אז פאר די ערשטע מאל אין יעדע זאך דארף מען עקסטערע כוחות. יעדע נייע זאך האט אזויווי א חומה ארום, און דאס ערשטע מאל, איז פשוט אריינצוקומען אין די חומה אינעווייניג.

ווי למשל, די ערשטע מאל וואס א קינד פאנגט אהן צו וואָקן, ער האט געגעבן די ערשטע טריט אויפן קרקע עולם, דעמאלטס האט דאס קינד אדורכגעבראכן די זאך. טאקע ער גייט נאך האבן פיל עליות וירידות, אבער אדורכגעבראכן האט ער עס שוין, ער איז שוין פון אינעווייניג. אזוי אויך דאס ערשטע מאל וואס א קליין קינד גייט אין 'חדר' איז אים זייער שווער, ווייל ער דארף דורכברעכן דאס ערשטע מאל, די מאמע גייט מיט כדי אים מחזק צו זיין, און נאכדעם פארט עס שוין פון זיך אליינס, ס'איז נאך טאקע דא עליות וירידות, איין טאג גייט דאס קינד מיט מער פריילעכקייט, און איין טאג מיט וויינעגער, אבער למעשה איז ער שוין אינעווייניג.

און דאס איז אין יעדע שלב פונעם קינד'ס אנטוויקלונג, מען דארף כסדר דורכברעכן נייע זאכן, די עלטערן און דער מלמד באגלייטן דאס קינד, זיי מוטיגן אים, און געבן אים די כוחות אדורכצוברעכן די שוועריקייטן פון די ערשטע מאל.

צומאל קען מען שפירן אויף א קינד אז ער גייט ארום און ארום, און ער ברעכט נישט דורך אריינצוקומען אינעווייניג. ווי למשל ביי די שלב פון 'ליינען' אין כיתה א', צומאל שפירט דערמלמד אז דאס קינד פראבירט טאקע אהין און אהער, אבער ער איז פון אינדרויסן, ער האט נאך נישט דורכגעבראכן די זאך אריינצוקומען אינעווייניג, דאס קינד האט זיך נאכנישט געעפנט, און מען דארף עקסטערע כוחות פאר דעם. אבער צומאל שפירט די מלמד, אדרבא, דאס קינד האט שוין דורכגעבראכן די זאך, און יעצט דארף ער פשוט חזרה, ער גייט נאך טאקע דורך גיין אסאך עליות וירידות, אבער דורכגעבראכן האט ער עס שוין.

**אויך ביי גמרא**

דאס לערנט אונז הגאון רבי חיים זצ"ל אויך ביי גמרא, ביים ענדיגן ש"ס, ר' חיים'ס כוח פון ענדיגן ש"ס האט זיך אנגעהויבן ביי א 'ערשטע מאל'. ס'איז דא א **ערשטע מאל** צו ענדיגען ש"ס, און ס'איז דא א **צווייטע מאל**, ס'איז הימל און ערד, די ערשטע מאל איז איין סארט זאך, און די צווייטע מאל איז עפעס אנדערש אינגאנצן.

די ערשטע מאל טרעפט מען זיך פשוט מיט די מושג **ש"ס**, אויף צו בויען דעם 'קשר'. די קינד געוואוינט איין זיין קאפ צו די מושג אז ס'איז דא א ריזיגען ש"ס, וואס איז געמאכט פאר מיר און פאר אלע אידישע

קינדער, ער געוואוינט זיך צו צום שפראך, צום נוסח, און צו אלעס ארום. דאן קומט א **צווייטע מאל**, דאס מאל איז ער שוין פון לאנג אינדערוויינ׳יג, דאס מאל איז שוין די זאך אסאך לייכטער.

די ערשטע מאל איז דער תכלית נישט די הבנה, אדרבא די לערנען איז לייכטער געשמאקער און ווארעמער, מען זעצט זיך צו די גמרא מיט א שמייכל, זי שמייכלט זיכער צוריק... מען הייבט אן צו זאגן די הייליגער ווערטער מיט א געשמאק, און מען עפענט זיך. אודאי מעג מען פארשטיין אויך, אבער דאס איז שוין ווי מ׳זאגט ריינע פארדינס. יעצט איז נישט דאס די ציל, דער מצב איז יעצט נישט אנגעשטרענגט, דא ערווארטעט מען נישט צו אקערן סוגיות און אדורכטון סברות, דער ציל דא איז נאר צו שאפן דעם קשר, מען זאל זיין פון אינעווייניג, אנגענעם און נאנט צום הארץ.

**קשרים מיט אנדערע**

און ווי ערוועגט איז דאס נישט נאר ביי א קינד, נאר דאס איז ביי יעדע זאך. יעדע זאך האט זיין ערשטע מאל, און איינמאל מען ברעכט עס אדורך איז מען שוין פון אינעווייניג, און נאכדעם גייט אלעס אסאך לייכטער.

אויך ביי **קשרים** מיט אנדערע מענטשן, ווי למשל א ׳חברותא׳ וכדומה, איז דא א ׳פגישה ראשונה׳ - פשוט זיך צו באקענען. אויך אין ביזנעס ווייסט מען דאס, אז עס איז דא א ׳פגישה ראשונה׳, וואס עס איז נישט דוקא צו רעדן צום תכלית, נאר פשוט זיך צו באקענען.

אסאך ווענדט זיך די זאך אויפן פגישה ראשונה, די פגישה ראשונה לאזט איבער גאר א שטארקע רושם אויף א מענטש, די זאך איז ביי אים ניי, ס׳זעצט זיך אריין אינעם נפש גאר טיף. ווי ס׳איז באקאנט אז מענטשן געדענקען א פגישה ראשונה אויף יארן שפעטער.

מעין זה איז דא ביי תורה הקדושה, אז די ערשטע פגישה וואס א קינד האט מיט ש״ס, אדורכגייענדיג אירע בלעטער, זעענדיג אירע אותיות, הערנדיג אירע צלילים, דאס האט גאר א שטארקע איינדרוק אויפן מענטש.

**א נייע מקצוע**

אויך ווען א מענטש ווערט עלטער, און ער פאנגט אן נייע מקצועות, איז דא א ערשטע מאל און א צווייטע מאל. די ערשטע מאל פשוט צו עפענען די מקצוע, און איינמאל מען איז שוין אינעווייניג, יעצט קומט די צווייטע מאל. די ערשטע מאל קומט אריין מער לייכט, מער פון ארום און ארום, און די צווייטע מאל קומט מען שוין אריין מער שטערקער.

פארשטייט זיך אז דאס קומט נישט צו, צו דאס ערשטע מאל פונעם קינד צו ענדיגען ש״ס, דאס איז א היסטארישע געפיל פארן קינד, זיך צו עפענען אין תורה הקדושה. אבער נאך אלץ, די מושג ערשטע מאל און צווייטע מאל איז דא ביי יעדע ענין און מקצוע לפי הענין.

און נאך בעסער איז ווען דער מענטש וועקט אויף ביי זיך די געפילן פון א קינד, ער זעצט זיך אוועק צום נייען מקצוע, ער באטראכט עס מיט די טיפע געפילן פון א קינד, ער עפנט זיך לייכט און געשמאק, מער פון ארום און ארום, און נאר דערנאך קומט אריין מיט א שטארקייט פאר די צווייטע מאל.

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - **אויף אידיש 1**, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, יום יומי שיעורים 2 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 3, משנה וגמרא 4, הלכה 5, מוסר וחסידות 6, סיפורי צדיקים 7, אינטערסאנטע טאפיקס 8, שבת 9, מועדים 10, נשואין 11. **נ״ך 2** - שיעורים על רוב תנ״ך, בחר כפי רצונך:
לקבל גליון במייל שלח לshalomlangs@gmail.com. לנדב הגליון, או לפרסם בהגליון, נא להתקשר ל**מכון מישרים** 845-274-3516